מיין נאמען איז ליאור

איך בין געבוירען אין איינע פון די רייכסטע געגענטער אין תל אביב, מיינע עלטערן זענען געווען פון די ערשטע דור נאך די מלחמה, זיי האבען געהאט די שיטה פון געבן אלעס פאר די קינדער און מיט דעם אנפילן די חלל פון קריג, איך בין געווען אן איינציג קינד, איך האב נישט געהאט נישט קיין שוועסטער און ברידער, און איך בין געווען די איינציגסטע זאך אין וואס מיינע עלטערן האבן אינוועסטירט, מיין טאטע איז נישט געווען מורא׳דיג רייך נאר א שווערער ארבעטער מיט וויניג הוצאות, מילא האט ער זיך ערלויבט מער ווי זיין אמתדיגע שטאנד, און אזוי איז די הויז ווי מיר האבן געוואוינט איז געווען אין גאר א רייכע געגענט אין א הערליכע פאלאץ, אבער אנדערש ווי אונזערע שכנים וואס האבן געקויפט די הויז אן טראכטען צוויי מאל, האט מיין טאטע אפגעשפארט זיין געלט יארן צו קויפן די הויז, און אזוי אויך האט ער מיר אויפגעצויגן מיט די מהלך פון ״געלט איז קיין אפהאלט״ פאר יעדער זאך וואס איך האב נאר גע׳חלומ׳ט, און ער האט זיך ממש צוריסן דערפאר, אבער אזוי ווי ער האט נאר געהאט איין קינד האט ער קיינמאל נישט געקענט זאגן די ווארט ניין.

איך געדענק נאך מיינע גאלדענע קינדער יארן, ווען אלעס האט געגלאנצט פאר מיר, אלעס איז געגאנגען מיין וועג וואס איך האב נאר ארויסגעזאגט האט מען מיר גלייך צוגעשטעלט, מיר באהאנדלט ווי א פרינץ, איך בין געגאנגען אין איינע פון די בעסטע שולעס אין שטאט, און איך האב נישט אנטוישט מיין טאטע, איך האב געוואוסט ווי וויכטיג עס איז פאר אים מיין הצלחה. און די לערנען איז וואס איך האב באמת אסאך כוחות אריינגעלייגט אין דעם צו מצליח זיין און אנקומען, אנדערש ווי אסאך פון מיינע חברים וואס זענען אויפגעוואקסן אינגאנצן געספוילט און אומדאנקבאר, האב איך געוואוסט אז מיין טאטע צורייסט זיך כדי מיך צופרידנצושטעלן, און איך האב אים מכיר טובה געווען, איך האב באמת געפילט א טיפע דאנקבארקייט פאר אים און אים נישט געוואלט אנטוישן, און אזוי ווי איך בין געווען גאנץ א שטילער פון נאטור אויס, איז מיין איינציגסטע מענטש צו וועם איך האב געפילט א טיפע קאנעקשען איז געווען מיין טאטע, און אונז האבן געהאט וואונדערבארע באציאונגען, אסאך מער פון אנדערע קינדער אין מיין שכינות.

איך האב געענדיגט שולע און זיך גענומען גרייטן צו גיין אין אוניבערזיטעט, און אזוי ווי די אלגעמיינע חלום פון דאן האט מיין טאטע געוואלט איך זאל ווערן א דאקטאר, און איך ווי א וואויל קינד האב איך געפאלגט, איך געדענק די נאכט וואס איך האב געדארפט אריבערגיין שלאפן אין די קעמפוס, איך בין געזיצן אין אונזערע ריזיגע ליווינג רום און זיך געזעגנט פון מיין פאטער, ער איז ארויפגעפאלן אויף מיר און מיר צוזאמגעקישט ווי נאר א טאטע פאר אן איינציג קינד קען, איך בין אויך געווען איבערגענומען, איך גיי צום ערשטען מאל ארויס פון מיין טאטעס הויז.

איך בין געגאנגען מיט גרויסע האפענונגען, אבער די מציאות האט שנעל געקלאפט אין פנים, אז דאקטעריי איז נישט געמאכט פאר יעדעם, און איך בין שנעל ארויסגעפאלן דערפון, מיין טאטן האט עס זייער געבאדערט און ס׳האט מיר ווייגעטאן אז איך האב אים נישט געקענט צופרידן שטעלן, אבער ער האט אויך מודה געווען אז ס׳איז נישט געמאכט פאר מיר און מיר נישט געפייניגט אז איך זאל צוריקגיין.

איך בין שוין געווען אן ערוואקסענע בחור און מיין טאטע האט באשלאסן מיר אריינצונעמען אין די ביזנעס, מיין טאטעס ביזנעס איז געווען א נאש פעקטארי, ער האט פראדוצירט טשיפס און פארשידענע מיני נאש, ער איז ווי געזאגט קיין גרויסע עושר נישט געווארן דערפון אבער גענוג שיין פארדינט אויף צו לעבן און אפילו מער, איך בין געווען יונג און ערגענעגיש און געקומען מיט פרישע בלוט און כוחות אריינצולייגן אין די ביזנעס.

איך האב באמת אסאך אריינגעלייגט און געזעהן רעזולטאטן, אין א קורצע צייט האב איך געקענט די ביזנעס בעסער פון די אויבערפלאך פון מיין האנט, איך האב מיר אויסגעקענט אין אלע ווינקלען פון די פראדוקציע, און גענומען ארבעטן עס צו ארויף ארבעטן און פארבעסערן. מיין טאטע האט שנעל אנערקענט אז איך טויג צו די פארבריק, און ער האט זיך פארלאזט אויף מיר מיט פארמאכטע אויגן, ער איז ווייניגער און ווייניגער אריינגעקומען אין פארבריק, ער איז מער-ווייניגער געגאנגען אויף פענסיע, א שיינעם פלאץ האט ער געהאט און ער פלעגט זיצן מער און מער אינדערהיים, און הנאה געהאט פון די רואיגקייט און מנוחה.

איך האב שטארק ארויפגעארבעט די ביזנעס, און אין א קורצע צייט איז עס נישט געווען צום דערקענען, די ביזנעס האט גענומען באאמען, אין א קורצע צייט האב איך געדאפלט די פראדוקציע, איך האב אינוועסטירט אסאך שעות און כוחות, אבער ס׳האט זיך אלעס אויסגעצאלט, די ביזנעס איז געוואקסן ווי קיינמאל בעפאר.

איך בין שוין געווען אין די מיטעלע צוואנציגערס, און מיין טאטע האט זיך געבעטן ביי מיר אז איך זאל שוין גיין חתונה האבן און אויפשטעלן דורות, אבער איך בין געווען פארנומען אין די ארבעט, און עס געהאלטן אין איין אפשטופן, געלט איז געווען, און געווארן מיין גרעסטע אידיאל אין לעבן, דאס האב איך געגעסן, דאס האב איך געגעשלאפן, און דאס האב איך געטרינקען.

נאך א שטיק צייט האב איך באשלאסן צו עפענען נאך א פארבריק, אפקויפן נאך א בנין, און אזוי ממש צו טריפלען די פראדוקציע, לויט מיינע חשבונות האט עס געדארפט צו גיין, איך האב גוט געקענט די מארקעט און גע׳חשבונ׳ט אז די מארקעט האט פלאץ פאר נאך אזויפיל פראדוקציע, איך האב פארשטייט זיך נישט געמאכט אזא באשלוס אן זיך דורך רעדן מיט מיין טאטע, ער איז דאך געווען בעל הבית, מיין טאטע איז עס נישט געפאלן, ״וואס פעלט דיר אויס צו מאכן אזא גרויסע אינוועסמענט, צו ביזסטו נישט אזוי אויך גענוג מצליח? איך בין אבער געלעגען אין די רייץ פון געלט, און צו אסאך געלט, און איך האב מיר ארויסגעלאזט אויף אן איבערצייגונגס מיסיע איבערצורעדן מיין טאטע, ווי שטענדיג, האט ער אויך יעצט

נישט געקענט זאגן ניין פאר זיין בן יחיד׳ל, און נאך וואס איך האב אים געוויזן אויף פאפיר אז אלעס שטימט, האט ער מסכים געווען, און איך בין מיט איין שמחה אריינגעשפרינגען אין געשעפט.

ס׳איז נישט געווען גרינג, איך האב אסאך געדארפט פארהאנדלען מיט די בענק, איך האב ארויסגענומען א גרויסע הלוואה, פאר׳משכנ׳ט די פארבריק, און אריינגעטאנצן מיט׳ן פולן אייפער און קראפט, נאך נישט לאנג האב איך שוין געעפענט די צווייטע פארבריק און די פראדוקציע איז אריין אין פולן שוואונג.

מיין הארץ ציעט זיך איין ווען איך דערמאן זיך יענע צייטן, איך וויל פארגעסן יענע זמן, מיין טאטע איז געווען גערעכט!! ס׳איז געווען צו א גרויסע אינוועסטמענט! אין מיין גרויס רייץ צו פארגרעסערן די ביזנעס האב איך פארזעהן פיל זאכן, וואס האט מיר יעצט שטארק געקלאפט אין פנים, איך האב מיר געפערליך געמוטשעט צו באצאלן די חודש׳ליכע צאלונגען צום באנק, איך בין געווען ממש צוריסן.

אין מיינע גרויע טעג האב איך געמאכט די גרעסטע טעות אין מיין לעבן! איך האב מיר געווענדן צו די מאפיא, ס׳איז געווען די ערגסטע זאך וואס איך האב נאר אמאל געטוהן! איך קען נישט גענוג חרטה האבן אויף דעם, זיי האבן מיר געבארגט גרויס געלט פאר קורצע טערמינען, אן קיין שום משכון, זיי האבן נישט מורא אז מ׳זאל זיי נישט באצאלן, ווי אלע מעשיות גייען האט פאסירט צו מיר אין די ווירקליכקייט, איך בין אריינגעפאלן אין א רינג פון בארגן און באצאלן, און ווי פארשטענדליך האט נישט געהאלטן אזא רונג צו לאנג, איך בין שנעל אויסגעלאפן פון מיטלען, און איך האב נישט געקענט באצאלן די מאפיא...

ווער ס׳קען די איזרעילישע מאפיא ווייסט פון וואס איך רעד, זיי האבע אנגעהויבן שיקן שליחים און רמזים אז איך וועל נישט גוט אפשניידן אויב איך באצאל נישט, איך האב אבער נישט געהאט קיין וועג ארויס, איך האב נישט געהאט די מינדעסטע אהנונג פון וואו אויפצוקומען מיט די פאנטאסטישע סכומים, איך בין אריינגעפאלן אין בעט מיט א טיפע דיפרעסיע, איך האב נישט געוואלט, נישט עסן, נישט שלאפן, נישט טוהן גארנישט. מיין טאטע האט גלייך געזעהן אז עפעס גייט פאר, אבער ער האט נישט געוואוסט ווי טיף די לאך איז; ווי איך בין אריינגעפאלן.

די מאפיא איז געוואויר געווארן וואו איך וואוין, און זיי האבן אריבערגעשיקט א שליח מיר צו סטראשענען און אנשרעקן, די שליח האט אנגעטראפן מיין טאטע, און מיין טאטע האט געפרעגט וואס ער וויל, ער האט געזאגט פאר מיין טאטע אז זיי געבן א וואך פאר מיר צו באצאלן, און אויב נישט קען ער פארגעסן פון מיר זעהן נאכאמאל, מיין טאטע האט דאן הערשט געכאפט וואו איך בין אריינגעפאלן, ער האט זיך אבער שנעל אריאנטיירט און געזאגט פאר די שליח: ״איך וויל מיר טרעפן מיט דיין שיקער, איך וויל פארהאנדלען מיט אים״, וואס פונקטליך זיי האבן גערעדט ווייס איך נישט, אבער אין קורצען, מיין טאטע האט אויסגעקויפט מיין לעבן אויפ׳ן פרייז פון זיין הויז; זיין פאלאץ....

ס׳איז נישט דא די טינט צו באשרייבן די געפיל וואס איך האב געהאט ווען איך האב געזעהן מיין טאטע ארויסגיין פון זיין הויז די לעצטע מאל, מיין הארץ איז געווארן פארשטייפט, מיינע אויגן זענען געווארן פול מיט טרערן, מיין מוח האט גערודערט, איך האב אים נישט געקענט קוקן אין פנים, איך האב נישט געקענט פעיס׳ן אינזיין פנים, מיין אויסנאם גוטע פאטער, איך האב נישט געקענט פארנעמען זיין בליק, ער האט מיר קיינמאל נישט געזאגט און קיינמאל נישט פארגעווארפן פארוואס איך האב אים נישט געפאלגט, אבער זיין בליק, זיין בליק, ס׳איז געלעגן דארטן א ים מיט ווייטאג, איך האב צושטערט זיין רואיג לעבן, אלעס פאר מיין נארישע רייץ נאך געלט, איך האב נישט געפילט א טעם אין עסן פון צער. מיין קישן איז געווארן באנעצט יעדן נאכט, מיין הארץ האט כמעט געפלאצט, ווי מער איך האב משיג געווען וואספארא צער איך האב געמאכט פאר מיין טאטע, נישט מער און נישט וויניגער, די מענטש וואס האט אלעס געטוהן פאר מיר, די מענטש וואס האט מקדיש געווען זיין לעבן פאר מיר, האב איך גורם געווען ער זאל ווערן ארויסגעווארפן פון זיין הויז !, יעדע מאל פון פריש ווען איך בין געווען אין די קליינטשיקע כאטקע צו ווי מיין טאטע האט זיך ארייגעצויגן, איז מיין הארץ ווידער אמאל פארקראמפפט געווארן פון ענגשאפט, איך האב מיר געפילט ווי די ערגסטע מענטש אויף די וועלט, איך האב מיר אליינס נישט געקענט פארנעמען, איך האב מיר געוואלט נעמען מיין לעבן, ווי האב איך געקענט טון אזא זאך צו מיין נאנטסטע מענטש אויף די וועלט ? ? מיינע געלידער האבן נישט געוואלט פונקציאנירן ווייטער, מיין לעבן איז געווען חרוב...

מיין געפיל פון א שלעכטע מאן, פון א קינד וואס האט ארויסגעוואפן זיין טאטע פון זיין היים, איז נישט צו באשרייבן, די ערגסטע איז געווען מיין טאטעס שטומע קוק פון א טאטע וואס פילט אז זיין קינד האט אים פארראטן, יא ! דאס האב איך געפילט אז איך בין א פאררעטער, איך האב פארראטן מיין טאטע, איך האב אים אומגליקלעך געמאכט פאר מיין נארישע רייץ, מיין מאמעס שטילע געוויין האט מיר באגלייגט ווי איך בין נאר געגאנגען, איך האב געפילט ווי איך האב נישט קיין זכות קיום, איך האב מיר ממש נישט געקענט פארטראגען, איך האב מיר אויפגעגעסן לעבעדיגערהייט, איך האב זייביידע צושטערט זייער רואיגע לעבן, דאס האט מיר ממש צוגרינד געלייגט, איך האב מיר נישט געקענט קוקן אין שפיגל, מיין לעבן איז געווען פארביי, איך האב נישט געקענט אויפהערן מיר צו שמייסן און פאדערן, מיין געוויסן האט אויפגעגעסן מיינע געלידער אין מיר....

איך האב נישט געקענט מער וואוינען מיט מיין טאטע, איך האב אים נישט געקענט פעיסן, איך האב אבער אויך נישט געקענט גיין צו אן אייגענע דירה, איך האב נישט געקענט שלאפן אין מיין בעט וויסענדיג אז מיין טאטע איז ארויס פון זיין באקוועמע בעט פאר מיינע נארישקייטן, איך האב מער נישט געקענט הנאה האבען פון די וועלט, איך האב מיר געפילט אומבארעכטיגט צו אטעמען, אומבארעכטיגט צו הנאה האבען פון קיין שום אספעקט פון לעבן, מיינע טעג זענען געווען פארביי, מיינע נעכט האב איך פארבראכט אין געוויין, מיין

לעבן איז געווען א חורבן, די געפיל האט געלעכערט מיין הארץ, און די שולד האט געבויערט אין מוח....

יעדעס מאל איך בין אריבער אונזער אלטע הויז, אונזער פאלאץ, איז פון פריש אויפגעריסן געווארן א לאך אין מיין הארץ, יעדעס מאל פון פריש האבן מיינע אויגן גענומען גלאנצען, יעדער מאל וואס איך האב געזעהן די מאפיאנערן באזיצן אונזער הערליכע פאלאץ איז מיין הארץ כמעט געגאנגען קראכן, די רילעישינשיפ מיט מיין טאטע איז אויך געווארן שוואכער, איך האב נישט געקענט רעדן מיט אים אן וואס איך זאל פארגיין אין אן אינערליכע געוויין, איך האב געפילט די שטומע באשולדיגונג פון מיין טאטע אז איך האב פארהארגעט זיין לעבן, און מיין לעבן האט פארלוירן איר ווערט,

***

אויב האט איר פארשטאנען מיינע געפילן, און געקענט קאנעקטן צו וואס איך פיל, דאן טראכט אביסל פון די בית המקדש וואס הקב״ה אונזער טאטע האט חרוב געמאכט אנשטאט אונזער לעבן, טראכט פון די גלות וואס אונזער טאטע געפינט זיך אין צוליב אונזערע זינד, ווי קענען מיר הנאה האבן פון די וועלט ווען אונזער טאטע איז אין גלות צוליב אונז???? ווי קענען מיר רואיג שלאפען ביינאכט???

ליין איבער די לעצטע פאר פאראגראפן מיט די הכרה אז אונז האבן געטון די זעלבע צו אונזער טאטע!!!

געשריבן לכבוד שבעה עשר בתמוז

כל המתאבל .. זוכה ורואה בבנינה

די מעשה איז פיקטיוו און פארבריצירט געווארן ארויסצוברענגען די אויבנדערמאנטע